פרשת נשא, י"א סיון תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ע"ט

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......7:59
מוצאי שבת........9:31

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## א מעשה פון תפלה

### אברהם הערש וועבערמאן

א) מיין טעלעפאון איז אריין געפאלן אין וואסער, פאר צען מינוט האט עס געהעריג געארבעט, נאך צען מינוט האט עס אנגעהויבן בלינקן און מאכן פראבלעמען, איך האב ארויסגענומען די בעטערי און צוריקגעלייגט אבער ס'האט נישט געהאלפן, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף די טעלעפאון זאל צוריק אנהייבן ארבעטן, און איך זאל נישט דארפן יעצט גיין קויפן א נייע", איך האב עס אריין געלייגט אין רייז, וואס דאס נעמט ארויס די נאסקייט וואס גייט אריין, אבער ס'האט נישט געהאלפן, איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן, און נאכדעם נאכאמאל אריינגעלייגט אין רייז פאר א שטיק צייט, שכח אייבערשטער ס'האט אנגעהויבן צוריק צו ארבעטן געהעריג אזוי ווי פאר דעם.

ב) אינמיטן ווינטער ווען עס איז געווען גאר שטארקע ווינטן איז מיין טרעמפאלין אוועק געפלויגן פון די שווערע ווינטן און זיך צובראכן אויף א וועג וואס מען האט עס מער נישט געקענט ניצן, מיין גאנצע משפחה האט שטארק געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען האבן א נייע, פארשטייט זיך א גרעסערע זאך דארף מען מער בעטן דעם אייבערשטן, יעדע מאל ווען מען האט זיך דערמאנט פון דעם האט מען נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן, ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ס'איז ברוך השם אנגעקומען א נייע, וואס איז נאך גרעסער און בעסער פון די אלטע, שכח אייבערשטער.

### לייבי ראטה

מוצאי יום טוב בין איך געווען ביים גאז סטאנציע אנפולן די קאר מיט גאז, איך האב פרובירט אפאר מאל צו באצאלן מיט א קארטל אבער ס'האט נישט געארבעט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל יא ארבעטן, איך דארף האבן גאז וואס טוה איך דא באשעפער העלף מיר, איך האב פרובירט נאך איין מאל און שכח אייבערשטער דאס מאל האט עס יא געארבעט.



דער ראש ישיבה שליט"א טאנצט מיטן נייעם ספר תורה מוצאי יום טוב שבועות תשפ"א אין בית המדרש היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי נ.י.

## נייעס אין שטעטל

**המשך פון עמוד ב'**

נאכמיטאג איז מען זיך צאמגעקומען ליינען די כתובה, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א שטארק ארום גערעדט פון זיך מאכן שיעורים אין די תורה, מוהרא"ש האט עס אוועק געשטעלט מיט פיפצן שיעורים, וואס דאס איז מקרא, נ"ך, משנה, בבלי, ירושלמי, תוספתא, רמב"ם, טור, שלחן ערוך, מדרש רבה, מדרש תנחומא, זוהר, תיקוני זוהר, ליקוטי מוהר"ן, ליקוטי הלכות.

אז א מענטש איז זיך שיין מסדר קען ער אנקומען די אלע שיעורים יעדן טאג, מענטשן זיכן וואו צו אריין לייגן זייער געלט, די בעסטע פלאץ וואו צו אריין לייגן די געלט איז אין די תורה, קויף דיר א חומש, א משניות און אזוי ווייטער, דאס וועסטו מיטנעמען אויף יענע וועלט. עס קומען ארויס געסט אין שטעטל, זיי פרעגן די איינוואוינער וואס עס לוינט זיך צו קויפן, א אלטע הויז אדער א נייע, וויפל טעקס צאלט מען אויף א הויז און אזוי ווייטער, אבער דער אמת איז נישט די הייזער און נישט די גראז אוןביימער איז די שיינקייט פון דעם שטעטל, מען קען טרעפן שענערע פלעצער פון דא, די שיינקייט פון דעם פלאץ איז אז אלע לעבן מיטן אייבערשטן און אלע לערנען יעדן טאג תורה, אלע ווילן פאלגן דעם רבי'ן. דאס דארף מען מיטנעמען פון דעם שיינעם יום טוב.

מוצאי יום טוב האט מען זיך ארויס געלאזט אין פרייליכע טענץ פאר לאנגע שעות, מען האט געטאנצן מיטן נייעם ספר תורה פאר א לאנגע צייט, די שמחה איז געווען גאר גרויס, די ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אינמיטן טאנצן "מוצאי יום טוב פסח יאגט מען זיך אהיים אוועק פאקן דעם יום טוב, מוצאי יום טוב סוכות יאגט מען זיך אהיים צאמפאקן די סוכה, אבער יעצט איז נישט דא וואו צו יאגן, לאמיר טאנצן אינאיינעם זיך פרייען מיט די תורה". דער עולם האט זיך פריש ארויס געלאזט און פרייליכע טענץ ביז שפעט אין די נאכט.

גאר שווער איז געווען זיך צו געזעגענען פון דעם פרייליכען דערהויבענעם יום טוב, אבער דער עיקר איז אז מען נעמט מיט די לימודים און עצות וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט מיט אונז, וואס דאס גייט מיט איבעראל וואו מען זאל נאר זיין.

דער ראש ישיבה שליט"א איז פארבליבן אין שטעטל פאר נאך אפאר טעג נאך יום טוב, ווי עס הייסט יעצט וועט דער ראש ישיבה שליט"א נאך פארבלייבן אין שטעטל ביז נאך שבת.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

# יום טוב שבועות מיטן ראש ישיבה שליט״א

א הערליכער יום טוב איז פאריבער אין שטעטל צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט״א און אזוי אויך צוזאמען מיט אלע חשובע געסט וואס זענען געקומען צופארן פון אלע זייטן, מיטצוהאלטן דעם הערליכן יום טוב.

אנגעהויבן האט זיך עס פון א שבת פאר יום טוב, דער ראש ישיבה שליט״א איז שוין ארויסגעקומען נאר פאר שבת, עס איז פאריבער גאר א שיינעם שבת צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט״א, סיי די תפלות ווי אויך די דרשות התחזקות וואס מען האט געהאט די זכיה צו הערן, וואס דאס איז אלץ נאר געווען די הכנה צום יום טוב.

ערב יום טוב האט מען שוין געזעהן א פארקער אין די גאסן פון שטעטל פון די חשובע געסט וואס זענען געקומען מיטהאלטן דעם שיינעם יום טוב, אויך האט מען געזעהן אנקומען משפחות מיט מאבילס וואס זענען געווארן אראפגעלייגט אין פארנט פון די הייזער. גאר א שיינע חופה מיט הערליכע בלומען אוןביימער איז געווארן אויפגעשטעלט ארום די בימה לכבוד יום טוב שבועות, וואס איז געווארן אהערגעשטעלט דורך האברך אייזיק אפפעל הי״ו. אויך האט מען געברענגט פרישע טישן און בענק צו קענען אקאמאדירן די גרויסע עולם וואס איז געקומען מיטהאלטן דעם יום טוב.

יום טוב האט זיך אנגעהויבן מיט א ווארימע מנחה, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט״א געדאווענט פארן עמוד גאר א ווארימע מעריב.

שפעט ביינאכט איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש און צוזאמען האט מען געזאגט תיקון ליל שבועות, אויך האט מען געזינגען צוזאמען ווארימע ניגונים, ביים עלות השחר איז מען געגאנגען אין מקוה, דערנאך איז מען זיך געגאנגען אראפלייגן צו האבן כוח פארן מארגענדיגן טאג וואס מען ווארט שוין אזוי לאנג.

אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט פארציילט פון א חשובע רב וואס האט געשוועבט אין עולם התוהו פאר אכט און צוואנציג יאר. האט דער רבי אויסגעפירט אויב וועט מען קומען צו מיר אויף ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות וועט מען ווערן ניצול פון עולם התוהו, האט דער ראש ישיבה שליט״א מסביר געווען פארוואס דייקא די דריי צייטן פון יאר האט דער הייליגער רבי געהייסן קומען צו אים? ווייל ראש השנה לערנט אונז דער רבי אויס די זאך פון התבודדות - יעדע זאך וואס מען דארף זאל מען בעטן דעם אייבערשטן. חנוכה לערנט אונז דער רבי אויס צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס מען האט. און שבועות באקומט מען די געוואלדיגע מתנה פון סדר דרך הלימוד - יעדער האט א וועג צו לערנען.

דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען א ווארימע שחרית, מען האט געהאט די זכיה צו הערן גאר א ווארימע שחרית פונעם ראש ישיבה שליט״א.

דערנאך האט מען אנגעהויבן מיטן לאנג ערווארטעטן הכנסת ספר תורה וואס איז געווארן געשריבן פאר די לעצטע זעקס יאר דורכן ראש ישיבה שליט״א, מען האט געטאנצן אין פארנט פון בית המדרש א לאנגע צייט, יעדער אינגערמאן האט פערזענליך געהאט די זכיה צו טאנצן מיטן נייעם ספר תורה, מען האט פארטיילט פאר אלע קינדער א שיינעם פעקל לכבוד די גרויסע שמחה, דערנאך האט מען אריינגעברענגט דעם ספר תורה אין בית המדרש, די שמחה אין בית המדרש האט מען געקענט טאפן אין די לופט, מען האט געטאנצן מיט גרויס שמחה אז מען האט די זכיה צו האבן אזא רבי וואס גיבט אונז די תורה אין די האנט, מיר זאלן האבן שייכות מיט די תורה יעדן איינציגן טאג פונעם יאר. דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעזאגט אקדמות, וואס האט אלעמען גאר שטארק אריינגעברענגט א התעוררות און א ליבשאפט צום אייבערשטן און צו די תורה. דערנאך האט מען געדאווענט מוסף, נאך מוסף איז פארגעקומען א גרויסע קידוש לכבוד דעם הכנסת ספר תורה.

נאכמיטאג נאך מנחה האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעליינט די תנאים און דערנאך ארום גערעדט גאר א שיינע שמועס וואס מען דארף זיך מיטנעמען פון דעם יום טוב, זעהן צו לערנען יעדן טאג, פאלגן דעם הייליגן רבין בתמימות ופשיטות.

דעם צווייטן טאג אינדערפרי איז געווען גאר א געשמאקע דאווענען, דער ראש ישיבה שליט״א האט געדאווענט פארן עמוד, מען האט צוזאמען געזינגען דעם ווארימען אהבה רבה ניגון - וואס האט געברענגט טרערן ביי יעדן איינעם, און אלע האבן שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען שפירן די זיסקייט פון די תורה.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען א קידוש, דער ראש ישיבה שליט״א האט ארום גערעדט די טעם פארוואס מען לייגט ביימער און גראז ארום די בימה; ס׳איז אמאל געקומען א איד צום רבי׳ן זיך אויסרעדן דאס הארץ אז ער האט נישט קיין חשק צו לערנען, האט אים דער רבי געזאגט ״בעט דעם אייבערשטן זאלסט האבן חשק צו לערנען״. דערפאר לייגט מען ביימער אין גראז ארום די בימה דארט וואו מען ליינט די תורה, אונז צו לערנען אויב מען וויל זוכה זיין צו לערנען יעדן טאג און האבן א חשק התורה דארף מען אויף דעם בעטן דעם אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי לערנט אונז אויס צו גיין שפאצירן צווישן די גראז און ביימער און רעדן צום אייבערשטן.

המשך אויף עמוד א׳

***איין יאר שבועות ביים הייליגן רבי נתן זכרונו לברכה, בשעת פתיחת הארון, ווען ער האט ארויסגענומען דעם ספר תורה פון ארון הקודש האט ער זיך גענומען טאנצן מיט׳ן ספר תורה, און זיך אנגערופן:***

א) אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו

ב) גיבטס כבוד פאר די תורה

ג) דאנקן גאט אז מיר האבן א תורה

ד) א נייע תורה! א נייע תורה!

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

חידות אפטיילונג



דער געוואונער פון פאריגע וואך איז אשר אנשיל אפעלדארפער נ״י קרית יואל

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

ממשיך אויף זיך א צלם אלקים


פלאנט איר צו עפענען א נייע ביזנעס
אדער אויב האט איר א ביזנעס
רופט דעם אינשורענס עקספערט אויף
347-661-2579
אדער אויף טעלעפאון מעסעדשונג
845-407-2614

אייער חבר
ישראל שלום זעלקאוויטש


מיר ווילן זיך באדאנקן פאר אונזער חבר אהרן שלמה שווארץ הי״ו, וואס האט מנדב געווען נייע שפילצייג פאר די חשובע קינדער אין תלמוד תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן די זכות זאל אים ביישטיין, ער זאל זעהן אסאך נחת ביי זיינע אייגענע קינדער.